יום־טוב־בלעטלעך און הומאָריסטישע אויסגאַבעס ביי אידן

(אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט)

פון מרדכי וו. בערנשטיין

ה'ייר־יאָר איז אַ יובל־יאָר פון דער פּרעסע אין אידיש — עס ווערט 100 יאָר זינט עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען די ערשטע אידישע צייטונג אין צאַרישן רוסלאַנד, דער „קול מבשר".

כדי אויסצומיידן מיספאַרשטענדענישן דאַרף מען באַמערקן, אַז נאָך פאַרן יאָר 1862 — ווען עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער „קול מבשר" — זיינען שוין אין רוסלאַנד געמאַכט געוואָרן פּרואוון אַרויסצוגעבן פּעריאָדישע אויסגאַבעס פאַר אידן מיט אידישע אותיות. מיר האָבן דאָ אין זינען די צייטשריפט „דער בעאָבאַכטער אַן דער וויי‏כסעל" (1823). דאָס איז טאַקע געווען אַ צייטונג מיט אידישע אותיות, אָבער ווייט פון אידיש לשון. דער פּאַקטישער ציל פון די אַרויסגעבער פונעם דאָזיקן „בעאָבאַכטער" איז גאָר געווען אָפּצוציען דעם אידישן עולם פון דער אידישער שפּראַך, „אויסלייטישן" דעם אידישן לייענער, ער זאָל זיך צוגעוואוינען צום „העכערן", צום „פיינערן" דייטשן לשון... די דאָזיקע צייטשריפט האָט טאַקע דערפאַר נישט געהאַט קיין אַריכת־ימים און האָט אַפילו נישט מוציא־שנה געווען, נישט אויסגעהאַלטן קיין גאַנץ יאָר.

דער „קול מבשר", דאַקעגן, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די רעדאַקטאָרן פון העברעאישן „המליץ", אַלעקסאַנדער צעדערבוים און זיין איידעם ד"ר י. א. גאָלדענבלום, איז רעקלאַמירט געוואָרן ווי אַ צייטונג פאַר דער ברייטער אידישער פאָלקס־מאַסע. אין זייער פּראָס־פּעקט האָבן זיי טאַקע אָנגעזאָגט, אַז דאָס וועט זיין אַ צייטונג

„... אויף פּראָסט אידיש, כדי דער פּראָסטער עולם, אַפילו ווייבער, זאָלן וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט..."

תחילת איז דער „קול־מבשר" אַרויס ווי אַ ביילאַגע צום העברעאישן „המליץ" און שפּעטער שוין ווי אַ זעלבסטשטענדיקע צייטונג, וואָס האָט אויסגעהאַלטן לאַנגע יאָרן.

אונזער אַרטיקל וועט זיך אָבער נישט באַשעפטיקן מיטן בעל־היובל, דעם „קול־מבשר", נאָר מיר וועלן באַרירן אַ געוויסן געביט פון אונזער אידישער פּעריאָדיק, וואָס שטייט עד־היום בקרן־זווית, פאַרשטופּט אין אַ ווינקל. מיר מיינען דאָ די כל־המינים יום־טוב־בלעטלעך און הומאָריסטישע פּובליקאַציעס, וואָס זיינען געווען אין אַזאַ גרויסער שפע ביי אונז אידן. גראָד דער דאָזיקער צווייג פון אונזער צעוואַקסענעם פּרעסע־בוים איז געוואָרן אויסגעמיטן פון אונזערע ביבליאָגראַפן. מיר פאַרמאָגן שוין, נישט צו פאַרזינדיקן, אַ גאָר פיינע ליטעראַטור (געשיכטע, ביבליאָגראַפיע, שטודיעס, מעמואַריסטיק) וועגן דער אידישער פּרעסע, אָבער די פּאָזיציע פון די דערמאָנטע געביטן זיינען ממש בישטיק. מיט דער איצטיקער אַרבעט האָב איך בכוונה אויסצופילן דעם דאָזיקן בלויז.

* * *

מיר האָבן אויסגעקליבן דעם שטח און צייט־משך פון 1862 ביז 1915, ווייל דאָס איז געווען דער פאַקטישער „וואַרשטאַט", וואו און ווען די אידישע פּעריאָדיק איז אויסגעשמידט געוואָרן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן צאַרישן רוסלאַנד, נישט נאָר ווייל פון דאָזיקן לאַנד און פּעריאָד איז שוין פאַראַן אַ גענוג־גרייטער „רוי־מאַטעריאַל" פאַר דער טעמע. עס איז אין דעם פאַל גאָר באַזונדער וויכטיק, וואָס די דאָרטיקע און דעמאָלטיקע באַדינגונגען (און פריער פאַר אַלץ די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע תנאים) זיינען עס געווען די גורמים סיי פאַר דער שפע, סיי פאַרן כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן מין פּובליקאַציעס.

שוין דער פאַקט, וואָס פון 848 פאַרשידענע פּעריאָדישע פּובליקאַציעס אין אידיש — וואָס זיינען פאַר דער דערמאָנטער צייט דערשינען — זיינען בערך 300 יום־טוב־בלעטער און הומאָריסטישע אויסגאַבעס, רעדט שוין וועגן דעם גאָר־באַזונדערן אָרט וואָס זיי האָבן פאַרנומען אין דעם דעמאָלטיקן אידיש־געזעלשאַפטלעכן פאָלקס־לעבן.

מיר וועלן פּרואוון פאַרענטפערן צוויי וויכטיקע פראַגעס פון דעם דאָזיקן געביט:

פאַרוואָס? וואָס איז געווען די סיבה פון אַזאַ שלל „פריילעכע" און יום־טובדיקע אויסגאַבעס? וואָס פאַר אַ שמחה איז עס געווען, וואָס מען האָט אַזויפיל זיך געוויצלט און געיומטובט?

ציל און כאַראַקטער? וואָס האָבן געוואָלט דערגרייכן די דאָזיקע, וואָלט איך געזאָגט „לאַכן מיט יאַשטשערקעס"־בלעטער? ווי אַזוי האָבן זיי עס געטאָן?

אין אַ ספּעציעלן ביבליאָגראַפישן זשורנאַל, וואָלט זיך געפאָדערט אַ גענויערע באַשרייבונג פון די דאָזיקע קרוב 300 איינסן און אויך אַ ברייטערן און טיפערן אַנאַליז פון זייער אינהאַלט. דאָ וועלן מיר זיך בעיקר פאַרנעמען מיט דעם לבוש, מיט זייער חיצוניות. פאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן נישט קענען אינגאַנצן אויסמיידן זייער אינהאַלט, די פנימיות, דאָס וואָס איז געווען באַהאַלטן „צווישן די שורות".

דעם אָנהויב פון דעם מין האָט געמאַכט י. ל. פּרץ מיט זיינע באַרימטע „יום־טוב־בלעטלעך", וואָס זיינען דערשינען אין צוויי סעריעס אין די יאָרן 1894 — 1896. דאָס זיינען געווען איין־מאָליקע, מיט פאַרשידענע טיטלען פון־צייט־צו־צייט אַרויסגעגעבענע העפטן, אָבער זיי האָבן געהאַט דעם כאַראַקטער פון כמו־פּעריאָדישקייט.

צוליב דער גרויסער ראָלע, וואָס די דאָזיקע „בלעטלעך" האָבן געשפּילט וועלן מיר זיך אויף זיי אַביסל לענגער פאַרהאַלטן. בסך־הכל זיינען דערשינען 17 העפטן פון די „יום־טוב־בלעטלעך". די ערשטע סעריע 10 העפטן און די צווייטע 7. תחילת האָט אַ העפט געהאַט 32 זייטן, שפּעטער שוין 64. יעדעס „בלעטל" האָט געהאַט אַ יום־טובדיקן טיטל. אָט זיינען די נעמען פון פּרצעס 17 „יום־טוב־בלעטלעך"*).

1. „לכבוד פסח" — אַ יום־טוב בלעטל;
2. „דער פייל און בויגן" — אַ ל"ג בעומר בלעטל;
3. „גרינס" — אַ שבועות בלעטל;
4. „דער תענית" — אַ בלעטל אויף שבעה עשר בתמוז;
5. „די טרייסט" — אַ בלעטל אויף שבת נחמו;
6. „דער שופר" — אַ בלעטל אויף ימים־נוראים;
7. „הושענא" — אַ בלעטל אויף סוכות און הושענא־רבה;
8. „דאָס ליכטל" — אַ בלעטל לכבוד חנוכה;
9. „שבת־אויבס" — אַ בלעטל לכבוד שבת;
10. „המן־טאַש" — אַ בלעטל אויף פּורים;
11. „כל חמירא" — אַ בלעטל לכבוד פּסח;
12. „דער עומר" — אַ בלעטל אויף ל"ג בעומר;
13. „ביכורים" — אַ בלעטל אויף שבועות;
14. „תמוז" — אַזוי אַ בלעטל!;
15. „לשנה טובה" — אַ בלעטל אויף ימים־נוראים;
16. „חמשה עשר";
17. „עונג שבת".

ווי מיר זעען האָבן מיר דאָ אַלע יום־טובים פון אידישן לוח. די, וואָס קענען נישט דעם אינהאַלט פון די דאָזיקע „בלעטלעך" וועלן זיכער מיינען, אַז דער אינהאַלט זייערער איז מן־הסתם אַ יום־טובדיקער — און טאַקע וועגן דעם געגעבענעם יום־טוב, וואָס געפינט זיך אין טיטל פון העפט. עס איז אָבער נישט אַזוי. דער טיטל איז סתם צו־געטשעפּעט צום אינהאַלט פון יעדן העפט. דער ציל פון די בלעטלעך איז ווייט נישט געווען די יום־טובים. די יום־טובים זיינען געווען אַן אויסרייד. מען האָט מיט די דאָזיקע קעפּלעך מאַסקירט דעם ריכטיקן ציל פון די פּובליקאַציעס. עס איז געווען אַ מין „אָפּנאַרן" דער צענזור. עס איז דאַן, אין דער צייט פון דער צאַרישער שאַרפער צענזור בכלל און אויף אידישע אויסגאַבעס בפרט, נישט געווען מעגלעך אַרויסצוגעבן אַ שטענדיקע, אַ פּערמאַנענט־פּעריאָדישע ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע צייטשריפט. מיט די באַזונדערע קעפּלעך, דערצו אַזעלכע יום־טובדיקע נעמען ווי „שופר", „הושענא", „ביכורים" וכדומה האָט מען דערגרייכט דעם ציל.

די איניציאַטאָרן און אַרויסגעבער האָבן טאַקע געמוזט „צאָלן" פאַר דעם דאָזיקן שפּיצל מיט אַ יום־טובדיקן „לייט־אַרטיקל" אָדער מיט אַ ליד מעניני דיומא... דאָס האָט געכשרט די גאַנצע, אין תוך גענומען, דאַן רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונג.

עס איז שוין פאַראַן אַ גענוג־רייכע ליטעראַטור וועגן דער ראָלע פון פּרצעס בלעטלעך אין יענע יאָרן, ווען עס הויבט זיך אָן די פאָר־מירונג פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַרום די „בלעטלעך" גרופּירן זיך יענע ראַדיקאַלע קרייזן פון דער אידישער אינטעליגענץ און אַרבעטער, וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַ בויענדיקע ראָלע אין דער אויפגעקומענער אידישער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. די „בלעטלעך" זיינען געווען ווי אַ מין אויפקלער — און פּראָפּאַגאַנדע־טריבונע פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג אין פּראָצעס

*) ביים ברענגען די נעמען פון די בלעטלעך און אונטערטיטלען נוצן מיר די היינטיקע אָרטאָגראַפיע. ביי פּרצן למשל איז אומעטום פאַראַן בלאַטעל, אונטער אַלף אַ סגל.

פון איר שאַפונג. עס האָבן זיך אַרום די „בלעטלעך" גרופּירט די אידישע שרייבער, וואָס האָבן נישט מסכים געווען מיט די „עברית או רוסית"־משכילים; חוץ פּרצן האָבן דאָרטן מיטגעאַרבעט דוד פּינסקי, מרדכי ספּעקטאָר און אַנדערע.

די פרייהייט־באַוועגונג אויף דער רוסישע גאַס האָט אויך געווירקט אויף דער אידישער סביבה. אידישע אינטעליגענץ, שטודירנדיקע יוגנט און ישיבה־לייט וואָס זיינען „קאַליע־געוואָרן" זיינען געווען די יעניקע, וואָס האָבן אין די „בלעטלעך" געלערנט פּשט; געפּרואווט לייענען צווישן די שורות; אַריינטייטשן אין די פּינטעלעך פון די נישט־פאַרענדיקטע, אָדער איבערגעהאַקטע, זאַצן פאַרשידענע רמזים. דאָ האָט מען געזוכט אויסצולאָדן די אומצופרידנקייט קעגן די תקיפים, די בעלי־טאַקסעס. די „בלעטלעך" זיינען געוואָרן די טריבונע פאַר די אַלע וואָס זיינען געווען פול מיט פּראָטעסט, מיט רעוואָלט קעגן די „פּני" פון שטעטל, קעגן די מזרחדיקע און יחוסדיקע שיכטן — דאָ איז דערקלערט געוואָרן אַ קאַמף דעם מצרים־חושך פון אידישן גושן (זייערע ווערטער).

האָט מען געמוזט שרייבן אין די „בלעטלעך" פאַרזיכטיק, זיין זייער „קלוג" און מיט אָנדייטונגען. עמך שער און איזן האָט טאַקע געוואוסט וואָס די שרייבער מיינען, אַריינגעטייטשט אין די משלים די נויטיקע נמשלים.

אין די דאָזיקע „בלעטלעך" זיינען פאַרעפּנטלעכט געוואָרן די לידער, וואָס זיינען שפּעטער גאָר ברייט געזונגען געוואָרן אויף די אַרבעטער־סכאָדקעס און „מאַיעווקעס" און די „בירזשעס" און „ליאַמעס". אַזוי געפינען מיר אין דעם „המן־טאַש" פון 1895 פּרצעס ליד „דאָס געבעט". דאָס בלעטל איז טאַקע לויטן נאָמען אַ פּורימדיקס, אָבער נישטאָ דאָרטן קיין איין שורה וועגן פּורים. דערפאַר איז דאָרטן, ווי דער „לייט־אַרטיקל", פאַראַן דאָס דערמאָנטע ליד. האָט עולם תחילת דעקלאַמירט און שפּעטער צוגעפּאַסט אַ ניגון און אין הונדערטער שטעטלעך האָט מען געזונגען:

...רבונו של עולם
נאָך ווייניק געליטן —
ווען וועסטו, רבונו
של עולם, פאַרשיטן
דעם אָפּגרונט, דעם טיפן
וואָס טיילט דיינע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואַכע,
אויף לעמער און שינדער...

האָט מען אַריינגעטייטשט אין דעם געליטן — נויט, עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג. דער אָפּגרונט — מיינט דאָך זיכער רעאַקציע, פּריץ, תקיף, די זעלבסט־הערשונג, דער צאַר. פאַרשטייט זיך, אַז די שטאַרקע און שוואַכע, די לעמער און שינדער האָט מען נישט געדאַרפט דערקלערן וואָס און וועמען מען האָט אין זינען. טויזנטער אויפרופן און פּראָקלאַמאַציעס וואָלטן נישט געקענט האָבן אַזאַ פּעולה ווי פּרצעס „געבעט" און דווקא צום ...רבונו של עולם.

אין דעם ל"ג־בעומרדיקן „פייל און בויגן" געפינען מיר די באַקאַנטע „נאַכט־וועכטער", וואָס איז גאָר אָפט רעציטירט געוואָרן אויף אַרבעטער־אונטערנעמונגען ביז דעם נאַצי־חורבן. וויפל נמשל האָט מען אַריינגעלייגט אין די ווערטער:

...אַ נאַכט אַ מחיה! דאָס נעכטל איז טייער
נאָר היט זיך פאַר פייער! היט זיך פאַר פייער!

אין דעם פּסחדיקן „כל חמירא" גייט אויפן ערשטן אָרט פּרצעס „דריי נייטאָרינס" (דאָרטן הייסט דאָס ליד „די נייטאָרין").

קלאָר, די יום־טובדיקייט איז דאָ געווען אַ שירם, אַ צודעק פאַר אַ „געפערלעכן" ציל און דער אינהאַלט איז געווען אַזאַ, וואָס האָט דעם ציל טאַקע דערגרייכט.

מען דאַרף דערמאָנען אַ צווייטע סעריע פון דעם מין „בלעטלעך", פון זעלבן בוי און כאַראַקטער, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן מרדכי ספּעקטאָר אין יאָר 1894.

ספּעקטאָרס „בלעטלעך" מיט די פאַרשידענע נעמען („דער ווידער־קול", „דער לאַמטערן", „דער שפּאַקטיור") האָבן געהאַט אַ להיפּוכדיקן אונטערקעפּל ווי פּרצעס, ביי אים איז געווען אָנגעגעבן אַ וואָכעדיק בלעטל. משמעות אַז די דאָזיקע „וואָכעדיקייט" פון ספּעקטאָרן איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דער „יום־טובדיקייט" פון פּרצן...

ספּעקטאָר איז געווען אַ שותף (אויפן שער־בלאַט) פון פּרצעס ערשט בלעטל „לכבוד פּסח". עס איז דאָרטן אין אידיש געווען אָנגעגעבן: פּרץ־ספּעקטאָר און אין דער רוסישער סיגנאַטור איז פאַראַן: אַרויסגעגעבן פון פּרצן און ספּעקטאָרן. אין די ווייטערדיקע העפטן האָט שוין ספּעקטאָר נישט פיגורירט און דאָס איז געווען די סיבה פון זיינע, ספּעקטאָרס, וואָכעדיקע בלעטלעך.

דאַרף מען אויך זאָגן, אַז די דאָזיקע „בלעטלעך" האָבן אַרויסגערופן אַ רעאַקציע אין די משכיליש־קנאישע, באַלעבאַטיש־יחסנדיקע קרייזן. עס איז זיי נישט געווען צום האַרצן דער ראַדיקאַלער בונטאַרישער טאָן פון פּרץ־פּינסקי. זיי זיינען אַרויס מיט פּאַמפלעטן קעגן די „יום־טוב־בלעטלעך" אימיטירנדיק אין פּאַראָדיעס די יום־טוב־נעמען. אַזוי האָט דוד פרישמאַן (אונטערן פּסעוודאָנים א. גאָלדבערג) אַרויסגעגעבן 2 פּאַראָדיעס מיט די טיטלען: „לאָקשן" און „אַ פּלוי פון תשעה באָב". בידע פּובליקאַציעס זיינען אַרויס אין וואַרשעווער פאַרלאַג „אַחיאָסף".

∴

עד־כאָן דער פּעריאָד פון פּרצעס יום־טוב־בלעטלעך, וואָס איז געווען אַ מין אַריינפיר, אויך מאָדעל, פאַר די ווייטערדיקע, פאַר די הונדערטער פּובליקאַציעס פון דעם מין. אין משך פון די ווייטערדיקע יאָרן האָט זיך ממש אַ שאָט געטאָן אַ שפע פון די פאַרשידנסטע לכבוד־יום־טוב אויסגאַבעס. אָט האָבן מיר אַ שטיקל סטאַטיסטיק, צו וועלכע יום־טובים די דאָזיקע פּובליקאַציעס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן. מיר וועלן זיי ברענגען נאָכן סדר פון אידישן קאַלענדאַר:

יום־טובים בכלל — 8 אויסגאַבעס; ימים־נוראים — 3; יום־כיפּור — 1; ראש־השנה — 6; סוכות — 13; הושענא־רבה — 3; שמחת־תורה — 2; חמשה עשר בשבט — 1; פּורים — 25; פּסח — 69; ל"ג בעומר — 2; שבועות — 41; תשעה־באָב — 1.

שוין פון דער רשימה זעען מיר, וועלכע ימים־טובים זיינען ביים עולם געווען גאָר שטאַרק איינגעבאַקן אין האַרצן און מען האָט זיי „עקספּלואַטירט" — פּסח, שבועות און פּורים. איז גאָר אינטערעסאַנט די נאָמענקלאַטור פון די דאָזיקע קרוב 200 פּובליקאַציעס. די אַרויסגעבער האָבן אַרויסגעזוכט די „פּיקאַנטסטע", די כאַראַקטעריסטישסטע נעמען, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן ריטואַל, צערעמאָניאַל, פּערסאָנאַזש וכדומה פון געגעבענעם יום־טוב. אָט האָבן מיר למשל פאַר:

ימים־נוראים: הערבסט־בלעטער; אלול־תשרי; הערבסט־קלאַנגען.

ראש־השנה: נײ־יאָר; פּרוכט אויף נײ־יאָר; אַ מוציא מיט האָניק; דער שופר; תשליך.

יום־כיפּור: כפּרות.

סוכות: סוכות־בלאַט; בלומען אויף סוכות; קוהלת; אושפּיזין; אתרוג (אין וואַרשע און אין מינסק); דער פּיטום; דער לולב.

הושענא־רבה: הושענות; אַ הושענא־בלעטל.

שמחת־תורה: די פאָן (אין מינסק און אין וואַרשע).

חמשה עשר בשבט:ביימער.

פּורים: לכבוד פּורים; פּורים־בלאַט; פּורים־קאַנטשיק; גוט־פּורים (וואַרשע און מינסק); פּורים צו דער סעודה; פּורים־שפּילער; פּורים־שיכור; בייטש; גראַגער (ריגע און אָדעס); המן־טאַש (פּעטערבורג און וואַרשע); שוואַרצער מאָן; אַ פרישער פּורים־הוילעטש; שלח־מנות (מינסק און זשיטאָמיר); שושנת יעקב; המן־קלאַפּער; דער גרויסער המן; המנס טאָגעבלאַט.

פּסח: לכבוד פּסח (ווילנע, וואַרשע, מינסק); פּסח־בלאַט (וואַרשע, לאָדזש, ווילנע); אונזער פּסח, ליטעראַרישע פּסח־זאַמלונג; דאָס פּסח וויצנבלאַט; די הגדה; די הומאָריסטישע הגדה; הגדה של פּרעסע; ניסן; ניסן־אייר; פרייע טעג; פרילינגס־קלאַנגען; פרילינגס־קווייטן; בלומען אויף פּסח; דער סדר־לץ; מינסקער סדר; דער פריילעכער סדר; דער נייער סדר; דער ריכטיקער סדר; סדרים; מצה־וואַסער; מצה־שמורה; חרוסת אויף פּסח; מינסקער סדר; דער ריכטיקער חרוסת; אַרבע כוסות; כרפּס; זאַלץ־וואַסער; לובלינער מרור; דער פּסחדיקער ראָסל; אליהו הנביא'ס כוס; קניידלעך; דער ענדיק; דער אַפיקומן (ווילנע, וואַרשע, אָדעס); די פיר קשיות; די ערשטע פראַגע לכבוד פּסח; חד גדיא (ווילנע, וואַרשע); די אַרבעה בנים; דער חכם פון דער הגדה; דער חכם פון מה נשתנה; דער לאַנד־חכם; די מלכה, עשר מכות; דצ"ך עד"ש באח"ב; שפוך חמתך; דם ואש ותמרות עשן; דער עכטער קנאַק־ניסל; יציאת מצרים.

ל"ג בעומר: דער פייל און בויגן; ספירה.

שבועות: סיון; לכבוד שבועות; שבועות־בלאַט (וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק); שבועות־בלעטל; ליטעראַרישע שבועות־זאַמלנג; זומער; שטראַלן, פרילינגס־בלעטער; די צווייגן; בלומען אויף שבועות; דער גרינער יום־טוב; דער גרינער אַגרעס; דער גרינער לץ; דער גרינער שד; אַ בלעטל גרינס; גרינס אויף שבועות; גרינע בלעטער; גרינס (וואַרשע, ווילנע); צייטיגס; דער וויצלער; דער קרעפּל; פּוטער־קוכן; מינסקער שוואַרצע ציקאָריע; מינסקער בלינצעס, מילכיקס; מינסקער אַקדמות; דער סיני; קולות וברקים (וואַרשע, מינסק); הרים וגבעות; דער אַעראָפּלאַן (וואָס פליט אַרויס שבועות ביינאַכט בעת דער הימל שפּאַלט זיך).

תשעה באב: דער קלאָג־טאָג.

דאַרף מען נישט פאַרטייטשן פאַרוואָס די נעמען פון די דאָזיקע יום־טובדיקע בלעטער זיינען אַזעלכע. דער דאָזיקער נאָמען־רעגנבויגן

האָט טאַקע אַלע פאַרבן פון אונזערע יום־טובים, עס זיינען דאָ אריינגעפלאָכטן יום־טובדיקע מאַכלים, שטיקלעך פון תפילות, מנהגים און געשטאַלטן פאַרבונדן מיט די יום־טוב־לעגענדעס. די דאָזיקע נאָמען־רשימה איז שוין גאָר וויכטיקער צושטייער פאַר אַ פאָלקלאָרישסטער שטודיע.

אָבער ביז איצט האָבן מיר גערעדט וועגן די יום־טוב־בלעטער, וואָס זיינען אין זייער מערהייט געווען הומאָריסטישע פובליקאַציעס. הומאָר, סאַטירע, קריטיק, חוזק און אַלעגאָרישע אָנדייטונגען איז געווען דער תוך פון די דאָזיקע פובליקאַציעס. מען האָט געשיקט „שלח־מנות" אין די פורים־צייטונגען צו די כל־המינים יחידים און אינסטיטוציעס, וועמען מען האָט גענומען אויפן צימבל. אין די פסחדיקע אויסגאַבעס האָט מען דערציילט פאַרשידענע „ניסים" פון די הייגטיקע טעג און טאַקע בישט געזשאַלעוועט קיין „מכות". דער הומאָר, די סאַטירע איז געווען סיי וועגן די אָרטיקע, די אייגענע ענינים, סיי אַלגעמיינע, בישט דווקא אידישע און גאָר אָפט וועגן די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין לאַנד בכלל. עס זיינען טאַקע געווען יום־טוב־אויסגאַבעס פון פאַרשידענע פּאָליטישע גרופּן („בונד" און פּועלי־ציון).

אָבער חוץ די הומאָריסטישע פובליקאַציעס, וואָס האָבן זיך געדעקט מיט יום־טובדיקע נעמען, זיינען ספּאָראַדיש דערשינען ספּעציעלע הומאָריסטישע אויסגאַבעס, זייער צאָל דערגרייכט העכער 100. דער תוך, זייער ציל און כאַראַקטער איז געווען דער זעלביקער: „דורכלופטערן" דעם אייגענעם קהל, די אייגענע, היימישע סביבה אָדער דעם ברייטען אַרום (אין שטאָט און לאַנד). אויך דאָ איז אינטערעסאַנט די נאָמענקלאַטור. מיר וועלן דאָ גייך נאָכן סדר פון אַלף־בית.

אויף צו להכעיס; אין די פופצן מלחמות; אַן אילוסטרירטע קאָפּיקע; דער אשמדאי; די בהמה; די בין; דער בליץ; דער בעזים; גוט וואָך; דער גנב; דער גיהנום־שמש; דאַטשע־בלאַט; דער דאַטשע־פויגל; מגילת־דאַטשע; דער דאַטשע־יאָלד; דאַטשניקעס; דער האַרמאַט; דער הומאָריסט; וואַלאַי יאַצקאַן; וואַלאַי נאַטאַנסאַן־דיקשטיין; דער וויכער; וויצנבלאַט (וואַרשע, כעלם, ווילנע); דער אַמעריקאַנער ווילצער; דער גרויסער חוזק־מאַכער; דער חוליגאַן (מיט אַ חית !); דער חכם; דער חסיד; יום־טוב־געלעכטער; דער וואַרשעווער יונגאַטש; דער באָברויסקער יונגאַטש; דער כל־בו; דער כלבויניק; כשר־טאָפּ; די לבנה; דער ליגנער; לכבוד יום־טוב; דער יערלעכער לץ; דער טשאַשעווער לץ; מאַי־בלימעלעך; מאַי־בלומען; דער ממזר; די נאָדל; דער עזות־פנים (פרילוק און קיעוו); דער ערל; דער פּיפּערנאָטער; פּיתום און רעמסס; דער פּלאַפּלער (אָדעס און וואַרשע); דער פלוידערזאַק; דער פייפער; דער לאָדזשער פויגל; פליגן אין נאָז; דער פליידערוויש; דער קאָטער; דער פריילעכער קבצן; דער וואַרשעווער קאָכלעפל; דער קאַנטשיק (וואַרשע און פינסק); דער קונדאַס; דער גרויסער קונדאַס; קוקעריקו; דער רעפּאָרטער; דער שד; די שוויגער; דער שטערן; דער שייגעץ; דער סלוצקער שייגעץ; דער פרילוקער שייגעץ; דער קהל־שייגעץ; דער שיכור; דער שלאַנג; דער שנאָרער; דער שפּיגל (זשיטאָמיר, וואַרשע, לאָדזש); דער שקר; דער שקר־שילדערער; דאָס תכשיטל.

פון גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס זיינען די „אונטערקעפּלעך" פון די דאָזיקע הומאָריסטישע בלעטלעך. די דאָזיקע אויסטייטשונגען זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש און אַ פיינער צושטייער צום אידישן חוזק־פאָלקלאָר. אָט איז אַ קרענצל פון אונטערטיטלען ביי די קעפּלעך פון די אויסגאַבעס:

— אַ פריילעך אידיש בלעטל אויף שבת, יום־טוב און אַ גאַנצע וואָך;
— אַ וויטצען־צייטונג אויף פסח און אַ גאַנץ יאָר;
— אַ לוסטיק, קיצלדיק, שפּיצלדיק בלעטל אויף אַלע צייטן פון יאָר;
— אַ לוסטיק בלעטל, וועלכעס מע מעג לעזן איין מאָל אין יאָר און ווען עס גלוסט זיך;
— דערשיינט איינמאָל אין אַ רעאַקציע אונטער דער רעדאַקציע פון אַ געוועזענעם בונדיסט, ציוניסט, ס. ס. אָוויעץ, פּ' ציוניסט, און אַ דערגרייכער און מיר שטעלן דעריבער דעם מאָטאָ: שלום שלום לרחוק ולקרוב;
— אַ לאַכעדיק, וויצלדיק, קיצלדיק בלעטל; דערשיינט ווען דער האָן קריים;
— אַ רפואה־בלעטל צו קאָפּ־בויך־ און ציינווייטיק, דורך לאַכן, לאַכן און לאַכן;
— פריילעכדיק, שפּיצלדיק, וויצלדיק בלעטל אויף שבת און יום־טוב און אַ גאַנצע וואָך;
— הויפּט־אָרגאַן פון די תרי"ג אידישע פּאַרטייען. דערשיינט ווען דער אַרויסגעבער מאָנט אויף די חובות ביי זיינע אַגענטן איין מאָל אין אַ שמיטה;
— אַ טעגלעכער פורים־אָרגאַן פאַר כל־המינים פּאָליטיק און קהלשע ענינים, פאַר נאַציאָנאַלע צרות און קהלשע תענוגים, אונטערגעשלאָגן מיט געווירץ, וואָס מען רופט אידישע קונסט און פאַפראַוועט מיט צוקער־זיסע ליטעראַרישע ברעקלעך אין עכט דעקאַדענטישן סטיל;
— דער עלטסטער הומאָריסטישער אילוסטרירטער זשורנאַל אין גושן. אַרויסגעגעבן פון די אַרבעה בנים;
— אַן אָרגאַן פון אַלערהאַנד פליאָטקעס און דאַטשע־אינטערעסן;
— אַ שאַרפזיניק, פריילעכע וויצן־צייטונג אויף פורים, פסח, שבועות, שמחת־תורה, שבת, יום־טוב און ווען נאָר שמחות ביי אידן;
— געקנאָטן, געבאַקן מכל המינים;
— אַ יערלעכער מאָנאַט־בלאַט, דערשיינט וואָכנטלעך אַלע טאָג;
— אַ הומאָריסטיש יום־טוב־בלאַט מיט אַ ליטעראַרישע נאָכשלעפּעניש;
— געווידמעט ספּעציעל דעם „האַנדל־וואַנדל";
— אַ רעליגיעז פורים־בלאַט, דערשיינט יערלעך פון אסתר־תענית ביז פורים;
— ליטעראַריש־הומאָריסטיש־עקאָנאָמיש־פּסיכאָלאָגיש־סאַטיריש־אַסימילאַטאָריש־חסידיש־אַנטיסעמיטיש־נאַציאָנאַל פסח־בלאַט;
— געשטעלט אויף ליטעראַטן, אַקטיאָרטשיקעס, דרשנים און צייטונג־שמירער.

נישט ווייניקער אינטערעסאַנט איז די גאַלעריע פון „רעדאַקטאָרן, „אַרויסגעבער" און „פאַרלאַגן". אויך דאָ האָט סאַטירע מיט שאַרפזין באַוויזן וואָס מען קען אַלץ צוטראַכטן. וועלן מיר אויך די דאָזיקע פאָרשטעלן. עס האָבן די דאָזיקע פובליקאַציעס צווישן אַנדערע אַרויסגעגעבן:

— פאַרלאַג „אַשמדאַי";
— רעדאַגירט דורך איינעם פון אַ גאַנץ יאָר, פאַרלאַג „יקום פורקן";
— פאַרלאַג חברה „אַפיקומן";
— רעדאַגירט פון קונדאַס בן חצופים;
— פאַרלאַג „שקר";
— היגיעניש רעדאַגירט דורך דער מעדיצינער געזעלשאַפט „כת ליצנים";
— רעדאַגירט דורך וואַרשעווער לצים;
— אַרויסגעגעבן פון די אַרבעה בנים; רעדאַגירט פון דעם שאינו יודע לשאול;
— אַרויסגעגעבן פון חברה „כת ליצנים";
— רעדאַגירט דורך חליק און בליק;
— רעדאַגירט מלך אביון, אַרויסגעגעבן אַרבעה בנים;
— רעדאַגירט דורך משה זוך־מיר, אַרויסגעגעבן דורך דער אַקציען געזעלשאַפט נישט געשטויגן און נישט געפלויגן;
— הערויסגעבער — פורים־רב;
— צוזאַמענגעשטעלט פון קעסט־קינד;
— געקנאָטן, געמאַכט, געבאַקן פון באָנטשע שוויג.

וועלן מיר לסוף אָנגעבן די טעריטאָריע פון דער דאָזיקער שפע פון די יום־טוב־ און הומאָר־פובליקאַציעס. זיי זיינען געדרוקט געוואָרן אין די וויטערדיקע שטעט:

1. אָדעס; 2. באָברויסק; 3. ביאַליסטאָק; 4. בערדיטשעוו; 5. האָמעל; 6. וואַרשע; 7. ווילנע; 8. זשיטאָמיר; 9. כעלם; 10. לאָדזש; 11. לובלין; 12. מינסק; 13. סטאַשעוו; 14. סלוצק; 15. פינסק; 16. פעטערבורג; 17. פרילוק; 18. קיעוו; 19. ריגע.

⁂

מיר האָבן געכאַפּט אַ בליק אין דעם דאָזיקן פּרעסע־ווינקל. עס איז נאָר געווען אַ קפיצת־הדרך־עקסקורסיע. ווי מיר האָבן שוין גאָר אין אָנהויב באַמערקט האָבן מיר זיך נאָר באַקענט מיטן לבוש, מיטן אויסזען פון די דאָזיקע בערך 300 פובליקאַציעס. אמת, אַז שוין דאָס דאָזיקע חיצוניותדיקע באַקאַנען זיך לאָזט אויך מאַכן געוויסע אויספירן וועגן דעם אינהאַלט.

מען קאָן אָן גוזמא זאָגן, אַז דער מין פעריאָדיק — סיי אין דער צאָל־שפע, סיי אין איר כאַראַקטער (אפשר וואָלט זיך אויך געפּאַסט דאָס וואָרט שליחות) — איז נישטאָ ביי די אומות־העולם. כדי דאָס צו באַווייזן פאַרלאַנגט זיך שוין אַ גרינטלעכער אַנאַליז און טאַקע פאַרגלייך מיט דעם מין פובליקאַציעס ביי אונזערע שכנים־פעלקער צווישן וועלכע מיר האָבן געוואוינט. אפשר וועט די היי־יאָריקע יובל־דאַטע אָנרעגן, אַז מען זאָל אויך דעם דאָזיקן ענין אַרויפנעמען אויפן וואָרשטאָט פון אונזערע וויסנשאַפטלעכע און פאָרשונג־אינסטיטוציעס.

חברים לייענער —

פאַרגעסט נים דעם אַבאָנענט־אָפּצאָל. דערלייזדיקט אייער חוב ביי דער ערשטער דערמאָנונג!